# גרייט ניו יארק

## רעדוצירט די סכנה









NYC Emergency Management

Bill de Blasio, בירגערמייסטער

Joseph J. Esposito, קאמיסיאנער

# עס איז וויכטיק צו שיצן איר משפחות פון סכנות, אבער אויך איר אייגענטום.

***גרייט זיך ניו יארק: רעדוצירט איר ריזיקא*** **מיט א פאר שריטן וואס באזיצערס קענען טון כדי צו גרייטן זיך פאר סכנות – עפיציענטע און נאכהאלטיקע שריטן צו רעדוצירן די סכנה פאר מענטשן אדער פאר אייגענטום.**

## אינהאלט


פארפלייצונג 4

ברעג-שטורעמס 8

טארנאדאס/ וינד-שטורעמס 12

ערד-ציטערנישן 14

פארברענונגן 16

עקסטרעמע היץ 18

ווינטער וועטער 20

ווייטערדיקע מקורים 22



דער OEM באדאנקט זיך ביי ניו יארק געבייד-אפטייל פאר די גוטע ארבעט אויף דעם פראייעקט.



# פארפלייצונג

פארפלייצונג געשעט רעלאטיב זייער אפט. אין ניו יארק קענן געשען פארשיידענע טיפן פון פארפלייצונג, צום ביישפיל:

- **פלאש-פארפלייצונג:** א פּועל-יוצא פון רעגן-שטורעמס, אז עס איז דא מער רעגן ווי מעגלעכקייט צו קאנאליזירן דעם. פלאש-פארפלייצונג באלאסטיקט די קאנאליזירונג-סיסטעם. א באלאסטיקונג ביי די קאנאליזירונג-סיסטעם קען פארפלייצן קעלערס און שעלטערס.
- **ברעג-פארפלייצונג:** קען געשען ווען דאס אויף-שאר נידערדרוקסיסטעם ליפערט ים-וואסער צו דער יבשה. דאס וואסער וואס דרוקט זיך צו דער יבשה הייסט שטורעם-פארפלייצונג. די ים-ברעגן אין ניו יארק סיטי (אויך איסט, האדסן און הארלעם-טייכן) קענען ווערן פארפלייצט.
- **געצייט-פארפלייצונג:** קען געשען ווען די געצייט איז אין זיין העכסטן מדרגה - הייסט אויך פרילינג-געצייט. אזוי פרילינג-געצייטן קענען פארפלייצן א יבשה וואס ועל געווענטלעך נישט באטרפן פון נידעריקע אדער נארמאלע געצייטן. געצייט-פארפלייצונג קען געשען אויך אן שטורעם.
- **טייך-פערפלייצונג:** א פארפלייצונג פון פריש-וואסער-טייכן.

## רעדוצירט די סכנה

די פאלגענדיקע סטראטעגיעס קענען באשיצן איר הויז פון פארפלייצונג:

- ניו יארק סיטי אינפארמירט זיך מיט (FEMA's Flood Insurance Rate Maps (FIRMs וועגן ווארשיינלעכקייט פון ברעג- און טייך-פארפלייצונגען. די דאזיקע מאפן באווייזן דעם אפיציעלן אפשאץ פון פארפלייצונג אין אונדזערער רעגיאן. באזוכט .www region2coastal.com פאר ווייטערדיקע אינפארמאציע.
- איר קענט קויפן א פארזיכערונג פאר פארפלייצונג. די סטאנדארט פארזיכערונגען פאר הייזער-באזיצער צאלן געווענטלעך נישט פאר א פאַרלוירנקייט צוליב פארפלייצונג. באזוכט www.floodsmart.gov פאר ווייטערדיקע אינפארמאציע.
- באניצט בוי-מאטעריעלן וואס זענען רעזיסטענץ קעגן פארפלייצונג, אזוי ווי בעטאן און מאסיב-האלץ. באזוכט www.fema.gov פאר ווייטערדיקע אינפארמאציע.

- איר קענט באשעפטיקן א פראפעסיאנעלער אינדזשעניר אדער אן ארכיטעקט מיט א ליצענז פון ניו יארק סטייט, זיי זאלן באשטימען די בעסטע רענאוועציע מעגלעכקייטן פאר די באשיצונג פון איר היים און רעדוצירן די סכנות. רענאוועציע מעגלעכקייטן קענען זיין צום ביישפיל:
  - עלעוואציע: עלעווירן דעם הויז אז די נידריקסטע מדרגה זאל זיין העכער ווי די פארפלייצונג-מדרגה. עלעוואציע איז די געווענטלעכע לאזונג פאר וואוינונגס-געבייד צו פארמיידן פארפלייצונג-שאדן.



  - נאסע וואסער-פארמיידונג: שאפן רוים אונטער דער עלעוואציע מיט פארפלייצונג-רעזיסאנצע שטאפן, אז די פארפלייצונג-וואסער זאל נאר דארטן ארייינפליסן.



  - טרוקענע וואסער-פארמיידונג: איזאלירן דעם הויז אונטער דער עלעוואציע כדי פארפלייצונג-וואסער זאל נישט ארייינפליסן.



  - אויפהעבן אדער אזאלירן עלעקטרישע, מעכאנישע און קאנאליזאציע טיילן און עקוויפמענט זיי זאלן ליגן העכער ווי די דערווארטע פארפלייצונג-מדרגה, זי זאלן טרעפן די דעזיין סטאנדארטס.



  - זאמלען שטורעם-וואסער אדער שאפן גרינע רוימן ארום איר הויז, קען רעדוצירן וואסער-אינפילטראציע אין דעם קאנאליזאציע-סיסטעם אריין.



דערווארטע פארפ־לייצונג-מדרגה

ארום

- אינסטאלירט רוקשטאוזיכערונג (check valves) אז דאס קאנאליזירונג-וואסער זאל נישט איבערפליסן אין איר היים אריין פון דער קעלער-קאנאליזאציע. נאך א שיטה פאר באשיצן איז קאנאליזאציע-פלאקס (drain plugs).




- אינסטאלירט א גוטע סיסטעם פון דאך-קאנאליזאציע און זויבערט עס כסדר. איר קענט אויך אנסטאלירן א רעגן-פאס עס זאן זאמלען שטורעם-וואסער וואס זאל ווערן קאנאליזירט שפעטער.
- באשיצן פון אונערדריקטער פארוועג: אויף איר אייגענטום האט א פארוועג וואס גייט נידעריקער ווי די גאס-מדרגה, די שטאט רעקאמענדירט איר זאלט קאנטאקטירן א פאך-מענטש מיט א ליצענץ, וואס זאל העלפן צו פארמיידן אז די פארפלייצונג זאל נישט קומען אין איר קעלער אריין.
- פרבינט פעסט פיול-האלטער סיי דרינען סיי אינדרויסן.
- ווייטערדיקע שריטן:
  - אויב איר לעבט ווו עס איז דא ה הויכע ווארשיינלעכקייט פון פארפלייצונג, זאלט איר האבן סענד-זעק, פלייווד, פלאסטיק שיטס און לומבער, איר זאלט באשיצן איר היים.
  - באשיץ איר קאנאליזאציע-סיסטעם: גיסט קיינמאל נישט קייט גריז אדער אויל אריין און פלאשט נישט אונטער מאטעריעלן וואס מע קען נישט ארונטערפלאשן.
  - באהאלט איר ווערטזאכן און אנדערע וויכטיקע זאכען אין וואסער-פרוף קאנטעיינערס און אוועק פון דעם פוסבאדן.

פאר ווייטערדיקע אינפארמאציע וועגן רענאוואציע פון וויינונג-געבייד, באזוך FEMA’s Homeowner’s Guide to Retrofitting אין www.fema.gov.





# ברעג שטורמען

ברעג שטורמען (צום ביישפיל צפון-מזרחדיקע שטורמען, טראפישע שטורמען און הוריקאנען) קענען טרעפן ניו יארק - און טאקע טון דאס. די שטאט ליגט אויפן ברעג ים, האט זייער א דיכטע באפעלקערונג און קאנצענטרירטע אנטוויקלונג. דערפאר זענען די ברעג שטורמען א גרויסע סכנה פאר זי.

ברעג שטורמען זענען באגלייטעט מיט שטארקע ווינדן, ברעג פארפלייצונג און רעגן. זיי קען ברענגען אויך מסוכנדיקע טארנאדאס, שניי אדער אייס.

די גרעסטע סכנה פאר צפון-מזרחדיקע שטורמען פאר ניו יארק איז צווישן אקטאבער און אפריל. אטלאנטישע הוריקאנען קענען געשען צווישן יוני און נאוועמבער, אבער ניו יארקס העכסטע סיזאן איז צווישן אויגוסט און אקטאבער.

## רעדוצירט די סכנה

- זייט באוואוסט וועגן סכנות אין שייכות דעם לאקיישן פון איר היים אדער אייגענטום.
  - כדי צו דערוויסן אויב אן אייגענטום איז אין א FEMA פארפלייצונג געגענד (אין שייכות פארזיכערונג א. א. וו.), באזוכט www.region2coastal.com.
  - כדי צו דערוויסן אויב איר אייגענטום איז אין א הוריקאן-אוואקואציע געגענד (אין שייכות איר זיכערקייט), באזוכט NYC.gov/knowyourzone.
- איר קענט קויפן א פארזיכערונג פאר פארפלייצונגען.
  - די סטאנדארט פארזיכערונגען פאר הייזער-באזיצער צאלן געוויינטלעך נישט פאר א פארלוירנקייט צוליב פארפלייצונג. באזוכט www.floodsmart.gov פאר ווייטערדיקע אינפארמאציע.
  - לייענט דורך די פארזיכערונג פאליסי פון איר מיטער אדער פארמיטער כדי צו פארשטיין וואס זי צאלט צוריק מיט שייכות צו ברעג-שטורמען א. א. וו.

### אלגעמיינע אינשטאנדהאלטונג

- איר קענט באשעפטיקן א פראפעסיאנעלער אינזשעניר אדער אן ארכיטעקט מיט א ליצענץ פון ניו יארק סטייט, זיי זאלן געבן א קוק איר היים כדי צו זעען אויב עס באדארפט א רעלעוואנטע רענאוואציע. (זעט *רעדוצירט אייער סכנה: פארפלייצונג* סעקציע פאר ווייטערע פרטים.)
- זוכט איר איגענטום כסדר און וואַרפט אוועק אפפאל וואס קען שטערן בשעת שטורעם.
- באניצט בעסער האלץ-שטיקלעך און נישט שטיין ביים לענדסקייפינג, כדי צו פארמיידן די סכנות פון פלוגזאמד אפפאל. (זעט בילד אויפן רעכטן זייט)
- באזייטיקט צווייגן אז בוימען וואס קענען ארונטערפאלן אויף א הויז אדער אויף אדער עלעקטריציטעט-קאנעלען.
- ווען עס זאל קומען א שטורעם, ברענגט דרויסן-איינריכטונג אהיים אדער פארבינט עס זיכער.

### דאך און קאמין

- פארזיכערט דעם מצב פון איר דאך צוויי מאל א יאר.
- פארזיכערט די געוונט, די פארבע און די טאפעטן אז זיי זענען נישט באשעדיקט אדער באפלעקט, וואס קען זיין א סימן פון א באשעדיגטער דאך.
- פארזיכערט איר דאך מיט בינאקולארס, אז די שוץ-שיכט און די שרויפן זענען דא כסדר און אז עס נישטא קיין לאכער.



- פארזיכערט די איזאליר-שיכט און זיכערט אז זי איז גוט פארבונדן.
- פארזיכערט דעם מצב פון דעם מארטאר אין איר קאמין-ווענט און פאראפעטס זיי זאלן נישט האבן עראזיע אדער לעכער. כל עלעמענטן פונעם בנין דארפן זיין ווערטיקאל אדער אין דער אריגינאלע פאזיציע.

### דרויסן-געווענד

- פארזיכערט אז די עלעמענטן פונעם דרויסן-געווענד זענען פעסט פארבונדן. אלומיניום דרויסן-געווענד איז געווענטלעך שלעכט אינסטאלירט און טרעפט נישט די דעזיין סטאנדארטן. די שרויבן פונעם דרויסן-געווענד דארפן זיין טיף אניסטאלירט אין געזונט האלץ.

### הויפט-געווענד

- פארזיכערט אז דער האלץ-ראמען פון דעם דרויסן-געווענד זאל זיין שטארק פארבונדן צו דעם פענסטערבאנק און אז דער פענסטערבאנק זאל זיין שטארק פארבונדן מיט דעם הויפט-געווענד (בעטאן). א סך געבייד וואס זענען געבויט געווארן פאר 1968 האבן נישט קיין אזא פאראנקערונג; אדער געבייד-רעגעלונג האט זיי נישט עקספליציט געגוג געפאדערט. אויב עס איז נישטא אזא פאראנקערונג, אינסטאלירט זי מיט בענד אדער עפעס ענלעך.




### פענסטערן און טירן

- פארזיכערט אז טירן זאלן האבן לכל הפחות דריי הינגעס און דעד-באלט זיכערקייט שלאס.
- וועכסעלט אויס פענסטער וואס זענען געבראכן אדער טיף געקראצט.
- ווען איר ראנעווירט פענסטערן, דעכער אדער טירן, פארזיכערט אז די טיילן וואס איר קויפט זענען געאייגנעט צו דער ווינט-געשווינדיקייט פון ניו יארק, לויט דעם עקספאוזשער-קאטעגאריע פונעם בנין און לויט NYC Building Code maps. נעמט צום באטראכט:
  - דער עטיקעט דארף באווייזן א רייטינג פון גרונד-ווינט-געשווינדיקייט פון 100 MPH פאר א דריי-סעקונדן גוסט אדער 80 MPH פאר ווינט-עקספאוזשער C.
  - ביי בניינים וואס שטייען 600 פיט פון ברעג-ליין, מע דארף באניצן מאטעריעלן וואס זענען באשטימט פאר ווינט-געשווינדיקייט פון 100 MPH און ווינט-עקספאוזשער D.
  - אויב אן עטיקעט פון פענסטער באווייזט נישט קיין ווינט-געשווינדיקייט, נאר ווינט-דרוק, מע טאר נישט באניצן פראדוקטן מיט ווינט-דרוק וואס איז נידעריקער ווי 30 פאונד PSF.
- איר קענט באניצן פענסטער-לאדן אין בניינים וואס שטייען נישט ווייט פונעם ים אדער בוכט.

### ווייטערע אינפארמאציע און עצות

- הייזער וואס זענען געבויט געווארן ווי וואקאציע-קאטעדזשעס זענען אין גרעסערע סכנה בשעת פארפלייצונג אדער א שטארק ווינט, ספעציעל ווייל דאזיקע הייזער שטייען געווענטלעך נישט ווייט פונעם ים. אלטע האלץ הייזער וואס האבן נאר איינער עטאזש שטייען אין א גרעסערע סכנה.
- כאטש בניינים זאלן זיין געבויט אזוי אז זיי זאלן איבערשטייען א ווינט-געשווינדיקייט פון 98 MPH, בניינים וואס שטייען ביס צו 600 פיט פונעם ים זענען אי א גרעסערע סכנה און דארפן ווערן געבויט פאר א העכערע עקספאוזשער-קאטעגאריע.





# טארנאדאס
# און ווינד-שטורמען

**טארנאדאס** זענען זייער צערשערערישע קאלומנען אויס לופט וואס זעען אויס ווי קאנוס-וואלקן און דערוווייטערן זיך ארונטער פון א שטורעם-וואלק ריכטונג יבשה. טארנאדאס געשווינדיקייט קען דערגרייכן מער ווי MPH 200 און קענען אנטרייסן בוימען, צערשטערן און צעפאלן בניינים און מאכן פון פשוטע אביעקטן א פליגענדיקע סכנות. די שאדן פון טארנאדאס זענען געווענטלעך א פועל-יוצא פון שטאר ווינד, פון פליגענדיקע אביעקטן און גרויס-האגל.

**ווינט-שטורמען** זענען אסאציאירט מיט אנדערע שטורמען, אזוי ווי הוריקאנען אדער צפון-מיזרחדיקע שטורמען, אבער זיי קענען קומען אן שייכות צו זיי. הויך-ווינט קען צעפאלן בוימען און עלעקטריציטעט-ליינס, וואס קען ברענגען צו שטערונגען מיט שייכות עלעקטריציטעט, טראנספארטאציע, און אויף פארלעצונגען און טויט. אזוי ווי ביי טארנאדאס, די פליגענדיקע אביעקטן זענען די הויפט-סיבה פאר שאדן בשעת א ווינט-שטורעם.

הגם די שטאט מאניטירט שלעכטעס וועטער, טארנאדאס און ווינט-שטורמען קענען געשען אן א ווארענונג. ווייל ניו יארק סיטי האט זייער א דיכטע באפאלקערונג, הויך-ווינט און פליגענדע אביעקטן זענען א גרויסע סכנה פאר בניינים און אינפראשטרוקטור.

## רעדוצירט די סכנה

- זייט באוואוסט וואס פאר א פלאץ ביי אייך אין דער היים איז דער סאמע זיכערסטער בשעת א שטורעם אדער א טארנאדא ווארענונג אין אייער געגענד. אט איז געווענטלעך דער קעלער אדער א רוים אן פענסטער, אזוי ווי א וואש-צימער, א גארדעראב אדער א קארידאר אויף דער נידעריקסטע מדרגה פונעם ביניין.
- אויב עס איז דא א שטורעם דערווארט אין אייער געגענט, פארבינד פעסט אביעקטן וואס קענען פליען בשעת שטורעם, אינעם פאטיו אויפן דאך א. א. וו.
- שטעלט אוועק צווייגן און בוימען וואס קענען ארונטערפאלן אויף א הויז אדער אן עלעקטריציטעט-קאנאל.
- כסדריקע אינשטאנדהאלטונג פונעם בנין:
  - פארזיכערט אז דער דאך איז גוט פארבונדן און אין גוט צושטאנד.
  - פארזיכערט קארניצעס און אלומיניום-פאנעלס.
  - פארזיכערט דעם צעמענט כסדר (אין קאמינען און פאראפעטן א.א.וו.)
  - רעפארירט אלע לעכער און טיפע קראצען.
- טויש אויס גלאס וואס איז באשטימט פאר ניו יארק סיטי ווינט (30 פאונד PSF פאר בניינים וואס זענען נידעריקער ווי 100 פיט).

- ביי עלטערע ביניינים וואס האבן ניש קיין אימפלעמענטאציע, קענט איר באשעפטיקן אן ארכיטעקט אדער אינדזשעניר מיט א ליצענץ פון ניו יארק סטייט, וואס זאל העלפן מיט די פאלגענדיקע:
  - טויש פאראפעטס אויס, זי זאלן זיין רעינפארסט או פאראנקערט זיין צום ביניין.
  - גיט צו ברייסינג כדי צו פאראנקערן פאראפעטס, נוצענדיק דיאגאנאלע שטאל-שווערטער און רעפאריר דעם מארטאר פון די פאראפעטס.
  - טויש אויס אלע קרומע פאראפעטס און קאמינען.
  - רעפארירט אלע לעכער אינעם הויפטשטרוקטור אוין טויש אויס די געבראכענע ציגעלן.
  - פאראנקערט די דאך-ראמן צו דעם הויפט-געוועגט.
  - אינסטאלירט באלטס כדי צו פארבינדן דעם הויז צו די פונדאמענטן.
- פאראנקערט האלץ-בניינים צו די פונדאמענטן.
- טוישט אויס דעם מאס פון באלאסט-רופינג מיט דעם מאס וואס באווייזט New York City Building Code.




- דאך-באלאסט איז געפלאנט צו פאראנקערן דעם דאך צו דער הויפט-שטרוקטור נוצענדיק sheer weight. עס זענען דא פארשיידענע מאטעריעלן וואס מען באניצט דערפאר, אזוי ווי פי גראוועל אדער שטיין. אבער בשעת א טארנאדא אדער א הויך-ווינט, אזא מאטעריעלן קענען ווערן אין גיך פלייענדיקע סכנות.

- כדי צו רעדוצירן די סכנה פון האגל, טויש אויס אייער דאך-אפדעקונג מיט א מאטעריעל מיט הויך-רייטינג (קלאס 4 לויט 2218 סטאנדארטן פון Underwriters Laboratories).
- פארזיכערט די פארבינדונג צווישן אייער דאך און די ווענט, און צווישן די ווענט און אייער הויפט-שטרוקטור. איר קענט באשעפטיקט א קאנטראקטאר.
- פארזיכערט אז אייער הויזס אדער געשעפטס עלעקטריציטעט-סיסטעם איז פארבונדן כסדר, כדי צו פארזיכערן די עפעקטיבע אפעראציע פון די עלעקטריציטעט-שוצערס.
- אינסטאלירט אן עלעקטריציטעט-שוצער פאר דעם גאנץ הויז כדי צו רעדוצירן דעם שאדן פון בליצן.
  - איר קענט אינסטאלירן אויך א שוץ פאר וויכטיקע אדער טויערע עלקטריש עקוויפמענט.



# ערד-ציטערניש



אן ערד-ציטערניש איז א פלוצעמער און גיכער ציטערניש פונעם ערד. עס געשעט ווען צוויי בלאקן פון ערד פאסן זיך אנטקעגן אונטער דעם ערדן. ערד-ציטערנישן געשען געווענטלעך ווען געשטיין באוועגן זיך לעבן א פארווערפונג, אדער ווען די געשטיין קראקן זיך.

הגם ניו יארק ליגט נישט דירעקט אויף א גרויס פארווערפונג, ערד-ציטערנישן באיינפלוסן דעם געגענד. די דיכטע באפעלקערונג און אינפראשטרוקטור, און דער פאקט אז איז נישטא א סעסמיק בוי-קאדעקס פאר בנינים פאר 1996, פארגרעסערן די סכנה אין דער שטאט. אלטע שטיין בנינים האבן א העכערע ווארשיינלעכקייט צו צערפאלן בשעת ערד-ציטערניש (פארגליכן מיט בנינים אויס האלץ אדער בעטן און אייזן).

## רעדוצירט די סכנה

די פאלגענע שריטן קענן העלפן אייך צו פארזיכערן אייער אייגענטום פון ערד-ציטערנישן:

- כסדריקע אינשטאנדהאלטונג פונעם בנין:
  - פארזיכערט אז דער דאך איז גוט פארבונדן און אין גוט צושטאנד.
  - פארזיכערט קארניצעס און אלומיניום-פאנעלס.
  - פארזיכערט דעם צעמענט כסדר (אין קאמינען און פאראפעטן א.א.וו.)
  - רעפארירט אלע לעכער און טיפע קראצען.




- פארזיכערט דעם גאס ליין ענטרי צו דעם בנין כדי צו דערמעגלעכן באוועגונג.
- פארבינט דעם וואסער-קאכער צו א וואנט. אויב א וואסער-קאכער צעפעלט בשעת ערד-ציטערניש, עס קען צעברעכן די גאז קאנעלן און שאפן א פארברענונג.
- פאראנקערט גרויס אפלייענס צו די ווענט נוצענדיק זיכערקייט קאבעלן אדער סטרייפס. פארשליסט ראלערס אדער גרויס-אפלייענס אדער גרויסע שטיק איינריכטונג. (זעט בילד אויפן רעכטן זייט)
- שטעלט פויער-שיץ-סיסטעמס אז די ספרינקלער-סיסטעם-ליינס זאלן נישט ווערן ריסן אוועק פון די פארבינדונגן אירע.
- באניצט זיכערקייט-באנד אויף די פענסטער און גלאס-טירן.
- פארזיכערט לאמפן, שאנדאלירן און אנדערער פארהענגטע אביעקטן און פארבינט זיי פעסט.
- פארבינט איינרטכטונג צו דער וואנט און לאגערט שווערע אביעקטן בעסער אין נידעריקע שעלפן.
- איר קענט אינסטאלירן באטערפליי-שליסלעך אויף שופלאדן און שראנק-טירן.
- פארזיכערט טעלעוויזיעס, בילדער און שפיגלען.
- פאראנקערט האלץ-בנינים צו די פונדאמענטן.
- פאר עלטערע שטיין בנינים וואס האבן נישט קיין רעינפארסמענט, באשעפטיגט אן ארכיטעקט וואס האט א ליצענץ פון ניו יוארק סטייט, וואס זאל העלפן אייך מיט:
  - טויש פאראפעטס אויס, זי זאלן זיין רעינפארסט או פאראנקערט זיין צום בנין.
  - טויש אויס אלע קרומע פאראפעטס און קאמינען.
  - רעפארירט אלע לעכער אינעם הויפטשטרוקטור אוין טויש אויס די געבראכענע ציגעלן.
  - פאראנקערט די דאך-ראמען צו דעם הויפט-געווענט.
  - אינסטאלירט באלטס כדי צו פארבינדן דעם הויז צו די פונדאמענטן.
  - גיט צו ברייסינג כדי צו פאראנקערן פאראפעטס, נוצענדיק דיאגאנאלע שטאל-שווערטער און רעפארירט דעם מארטאר פון די פאראפעטס. (זעט בילד אונטען.)





# וואלד פארברענונג

הגם ניו יארק איז נישט באטראפן געווארן פון די צערשטערערישע ווילד-פארברענונגן וואס מע האט אין מערב אמעריקע, עס קענען געשען וואלד-פארברענונגן אין ניו יארק, ספעציעל אין פרילינג און הערבסט אין שטאטפירטלען וווּ עס זענען דא טריקענע צווייגן.

וואלד-פארברענונגן אין ניו יארק זענען געווענטלעך קליין און האבן נישט קיין השפעה אויף ביניינים. אבער עס זענען דא שטאט-טיילן ווו הייזער און בניינים שטייען אין קוים באוויינטע געגענט וואס עס זענען נישט דא קיין נאטירלעכע באפערס – ספעציעל אין סטייטן איילענד.

## רעדוצירט די סכנה

רעדוצירט דעם שאדן פון וואלד-פארברענונג פאר אייער הויז אדער געשעפט - פארזיכערט די שטרוקטורן אין און ארום אייער אייגענטום.

הויזער וואס זענען געבויט הויפטזאכלעך אויס ברענענדיקע מאטעריעלן (ווי האלץ) זענען אין גרעסערע סכנה.

### אלגעמיינע אינשטאנדהאלטונג

- באזייטיקט אלטע אדער טויטע פפלאנצונג, צווייגן, האלץ שטיקלעך א.א.וו. וואס קענען דערנערן דעם פויער.
- שניידט אפ צווייגן זענען זעקס פיט אדער ווייניגער פון אייער דאך.
- שאפט פלאנצונג-אינזלען און באזייטיקט גרויסע בושעס, אז דער פויער זאל נישט האבן א וועג אין אייער היים אריין.

### דאך

- זיי באוווסט וואס איז דער פויער-רייטינג פון אייער דאך. אויב אייער דאך דארף זיין אויסגעטוישט, קלאס A גיט די בעסטע פויער-שיץ. באזוכט www.ul.com פאר ווייטערדיקע אינפארמאציע.


בילד: A-קלאס דאך

### ווענטס

- זויבערט די ווענטעס כסדר, עס זאל נישט בילדען שמוץ אי זיי.

### דרויסן-געווענד

- אויב דער פויער רירט דעם דרויסן-געווענד, אויך אנדערע טיילן פונעם הויז זענען אין סכנה, ווי די פענסטער.
- פארזיכערט זיי כסדר, אז לעכער זאלן ווערן דערפילט מיט קיטן פון הויך-קוואליטעט.

### דאך-פארשפרונג

- אויב דאס פויער קומט אריין צום דאך דורך די ווענטעס אדער לעכער, דער טייל אונטער דעם דאך-פארשפרונג איז אין סכנה.
- טויש אויס דעם ראמען מיט א געשלאסענעם דעזיין.




### פענסטערן

- אינסטאלירט דאפעל-גלאס פענסטער, וואס זאל דינען ווי א שילד.
- טעמפערד גלאס איז שטארק און קען שיצן בשעת וואלד-פארברענונג.
- באדעקונגען און שאטערס קאנען געבן א ווייטערער שוץ.

### האלץ-טעראסן

- ביי האלץ-טעראסן, באנוצט האלץ וואס איז לכל-הפחות צוויי אינטש דיכט.
- בּאהאלט נישט קיין ברענענדיקע מאטעריאלן אונטער די האלץ-טעראסן.

### צוימען

- צוימען טארן נישט זיין אויס ברענענדיקע מאטעריעלן. באנוצט אומברענענדיקע מאטעריעלן, ווי איגניטאן-רזיסטענטע האלץ, דיכט-האלץ (לכל הפחות 1.5 אינטש) אדער טשיין-לינק צוים.

### גאראזשן

- גאראזשן מיט ראל-אפ טירן קענען זיין וועטער-סטריפט און סילד אין אירע גרענעצן.
- טויש אויס טירן זיי זאלן האבן פויר-רייטד מאטעריאל אדער פאנעלינג.
- גאראזש טירן וואס האבן גלאס פאנעל, מע דארף אויסטישן מיט פויער-רייטעד גלאס און באפילן מיט קיטן.
- באנוץ נישט קיין ברענענדיקע מאטעריעלן ביי די קארפארטס.

### האלץ-פויל

- מע געפינט האלץ-פויל געווענטלעך אין אונטערדיקע עקן פון האלץ-פענסטער, אויף האלץ-טעראסן און אמעטום ווו וואסער שטעקט זיך ביים האלץ.
- כדי צו פארמיידן האלץ-פויל:
  - באפיל לעכער מיט קיטן. פארזיכערט די קיטן וואס זענען שוין דא או טויש זיי אויס אויב מען דארף.
  - זויבער דעם ערד איין אינטש פון דעם אונטערדיקן טייל פונעם צוים.

# אקסטרעם היץ

עקסטרעם היץ קען שאדן דעם קערפער. צו לאנגע בעלאסטונג עסטרעם היץ קען שאפן גרויסע געזונטקייט פארבלעמן. עלטערע מענטשן, קינדער און מענטשן מיט כראנישע קראנקייט, זענען אין גרעסערע סכנה. פאר ווייטערע אינפארמאציע וועגן עקסטרעם היץ או די געזונדקייט, באזוכט NYC.gov/health.





יעדן זומער אין ניו יורק עס זענען פאראן איין אדער צוויי היץ תקופות. אין די דאזיקע צייט זענען די טעמפעראטורען העכער ווי געוועגטלעך, און אויך די פויכטיקייט.

די איינוויינער פון ניו יארק זענען אויך אין סכנה צוליב שטאטלעכע אינזל היץ, א פאנאמען ווו אספאלט, בעטאן און מעטאל אבזארבירן צופיל היץ פון דער זון, מער ווי נאטירלעכע געגנט. דאס מאכט לופט טעמפעראטורן הויך, ספעציעל אין דער נאכט, ווען דער הויפטטייל פון דעם היץ גייט אוועק.

## רעדוציִרט די סכנה

- אינסטאלירט א דאך מיט א העלע פארבע (גרין אדער ווייס), כדי צו רעדוצירן די טעמפעראטור אינעם הויז און פארמיידן דעם עפעקט פון אורבאן אינזל היץ. (זעט בילד אונטען.)



- אינסטליר דאזיקע פענסטער האבן געווענטלעך די דאזיקע אייגענשאפטן:
  - דאפעלט-גלאס, וואס פארבעסערט די אזאלאציע פון היץ און סאונד.
  - נידעריקע עמיציטעט קואטינג - טראנספארענטע שיכטען פון טין אדער זילבער אקסיד וואס איזאלירט היץ.
- אינסטאלירט זון-שאטן אויף אייער פענסטערן.
- פארזיכערט דעם צושטאנד פון דער קלימאטיזאציע או ווענטילאציע בעפאר די חודשים פון היץ קומען.
  - אויב איר האט נישט קיין קלימאטיזאציע, קויפט עס, און פארזיכער אז דער פילטער זאל בלייבן זויבער.
- אינסולירט אייער הויפט-ווענט און דאך-מדרגה.
- פרופט אייער הויז "לופט-דיכטקייט". אין א ווינדיקער טאג, האלט א רויך-שטיפט לעבן דעם פענסטער, טיר אדער ווייטערער רוימען ווו לופט קען אריין קומען פון דרויסן. אויב די רויך-שטרעמען שוועבן האריזאנטאל, דאס הייסט אז עס איז דא א לופט-לאך וואס באדארף ארייננפיל.
  - פיל אריין טירן און פענסטער וואס לאזן לופט אריין.
  - פיל אריין לעכער ווו קאנעלען פון עלעקטריציטעט אדער וואסער לויפן דורך די ווענט, באדן א.א.וו.
  - באנוצט פוים איזאלירונג אויף גרעסערע לעכער ארום פענסטער, בייסבארדס א.א.וו. ווו לופט קען אריין קומען.



# ווינטער וועטער



אומעטום אין ניו יארק עס קענען געשען פארשיידענע טיפן פון ווינטער וועטער. דאזיקע פארמן פון וועטער זענען באגלייט מיט עקסטרעם קעלט, שניי און אייס. די דאזיקע פאקטארן קענען האבן השפעה אויף ביניינים, אינפראשטרוקטור, סערוויסעס, און געזונדקייט און זיכערקייט.

פאר ווייטערע אינפארמאציע וועגן געזונדקייט און ווינטער וועטער, באזוכט פאר ווייטערדיקע אינפארמאציע NYC.gov/health.

כאטש נישט אפט, שניי און אייס קענען שאדן ביניינים אדער לאזן דאכן צעפאלן, אויב די ביניינים זענען נישט גוט אינשטאנדגעהאלטן.

## רעדוציַרט די סכנה

### אלגעמיינע אינשטאנדהאלטונג

- באזייטיקט אין גיך אייס און שניי פון בוים צווייגן, דאך א.א.וו.
  - אויב שניי אדער אייס שטאפלען זיך, באזייטיקט זיי נוצענדיק שניי-רייק מיט א לאנגע דערוויַיטערונג-זרוע , אז עס זאל זיין מעגלעך צו טאן דאס שטייענדיק אויפן ערד, אדער באשעפטיקט א קאנטראקטאר.
- באזייטיקט צווייגן וואס קענען צעפאלן אויף אייער הויז אדער עלעקטריציטעט קאנעלן.
- באזייטיקט בלעטער און אפפאל פו די דאך-רינעס.
- פארזיכערט אז האלץ זאל נישט זיין פארשימלט (ספעציעל אויב שימל איז לעבן דרויסנדיקע ווענט).
- רעפארירט לעכער אין דער דעקע.
- רעפארירט באשעדיקטער דאך.
- אינסטאלירט בעקאפ גענעראטאר.

### דאך

- באזייטיגט אפפאל פונעם דאך.
- איר קענט באשעפטיקן א פראפעסיאנעלער אינדזשעניר אדער אן ארכיטעקט מיט א ליצענץ פון ניו יארק סטייט, זיי זאלן באשטימען ווי גוט קען דער דאך באשטיין די בעלאסטונג פון שווערער שניי שטאפלונג.
- אויב איר דאך איז פלאך, וואסער קען אקאמולירן זיך אויף דעם, און דער דאך קען ליקן אדער אפילו ארונטערפאלן.
- רעפארירט לעכער אינעם דאך.
- פארזיכערט אז דער אטטיק זאל זיין דורכגעלופטעט, צו פארמיידן שמעלצען פון שניי אדער אייס אויפן דאך, ער זאל נישט ארונטערפאלן.

### איזאלירונג

- איזאלירט די ווענט און דעם אטטיק.
- פארזיכערט אז טירן און פענסטער זענען גוט פארזיגעלט, נוצענדיק:
  - זונענשאטן
  - לופט זיגעלונג, הויך-קוואליטעט פענסטער

### שיצט אייער קאנעלען

- אזאלירט קאנעלען מיט מופן, ווייל אומבאשוצטע קאנעלען קענען פרירן.
- דערלויבט דעם וואסער דריפן א ביסל ווען עס איז עקסטרעם קאלט, אז די קאנעלן זאלן נישט צעפלאצן.
- באזייטיקט וואסער קאנעלען פון אטטיק און אומבאשוצטע דרויסענדיקע ווענט.
- פילט אריין מיט קיטן לעכער אין דרויסענדיקע ווענט און פונדאמענטן וואז זענען לעבן וואסער קאנעלן.
- האלט די קאבינעט-טירן אפן בשעת קעלט, אז ווארעמע לופט זאל צירקולירן ארום די קאנעלן.



## ווייטערדיקע מקורים

**NYC Emergency Management (ניו יארק עמערדזשענסי פארוועלטונג)**
NYC.gov/emergencymanagement

**Reduce Your Risk (רעדוצירט אייער סכנה)**
NYC.gov/reduceyourrisk

**New York City Hazard Mitigation Plan**
**(ניו יארק סיטי האזארד מיטיגאציע)**
NYC.gov/hazardmitigation

**Ready New York (גרייט ניו יארק)**
NYC.gov/readyny

**Know Your Zone - Hurricane Preparedness in New York City**
**(געגענט דערקענונג – הוריקאן גרייטשאפט)**
NYC.gov/knowyourzone

**New York City Department of Buildings**
**(ניו יארק סיטי אפטייל פאר בנינים)**
NYC.gov/buildings

**New York City Fire Department**
NYC.gov/fdny

**New York City Mayor's Office of Recovery and Resiliency**
**(ריקאווערי און רעזיליענסי – ניו יארק סיטי בירגערמייסטערס ביורא)**
NYC.gov/resiliency

**New York City Mayor's Office of Housing Recovery Operations**
**(האוסינג ריקאווערי - ניו יארק סיטי בירגערמייסטערס ביורא)**
NYC.gov/recovery

**FEMA**
www.fema.gov/hazard-mitigation-grant-program

**New York State Division of Homeland Security**
**and Emergency Services**
**(ניו יארק סיטי אפטייל פאר זיכערקייט און עמערדזשענסי סערוויסעס)**
www.dhses.ny.gov

**Notify NYC (נאטיפיי ניו יארק סיטי)**
NYC.gov/notifynyc
@NotifyNYC

**:NYC Emergency Management on Facebook**
**(ניו יארק עמערדזשענסי פערוואלטונג אויף פעיסבוק)**
www.facebook.com/NYCemergencymanagement
**:and Twitter**
@nycoem

אויב נישט אנדערע אינפארמירט, קלינגט 311 (TTY: 212-504-4115),
אדער באזוכט NYC.gov כדי צו קאנטאקטירן די שטאטס אגענטורן.

## אינפארמאציע וועגן פארזיכערונג

**National Flood Insurance Program**
**(נאציאנאלע פערזיכערונג פאר פארפלייצונג פראגראם)**
www.floodsmart.gov
1-888-379-9531

**FEMA Region II Coastal Analysis and Mapping**
**(פעמא רעגיאן צוויי, ברעג אנאליזע און מאפינג)**
www.region2coastal.com

**New York State Department of Financial Services**
**(ניו יארק סטייט אפטייל פאר פינאנציעלע סערוויסעס)**
www.dfs.ny.gov
1-800-342-3736

**Insurance Institute for Business & Home Safety**
**(פארזיכערונג אינסטיטוט פאר געשעפט און היים זיכערקייט)**
www.disastersafety.org
(813) 286-3400

**.Neighborhood Housing Services of New York City, Inc**
**(נייבערהוד האוסינג סערוויסעס – ניו יארק סיטי)**
www.nhsnyc.org
212-519-2500

**אינסטיטוט פאר פארזיכערונג אינפארמעציע**
www.iii.org
212-346-5500



**די אינפארמאציע איז דא אויך אין אאודיא פארמאט אין די פאלגאנדע שפראך**

**Arabic**
زُر NYC.gov/readyny للحصول على نسخ باللغة العربية من هذا الدليل.

**Bengali**
এই নির্দেশিকাটির বাংলা কপির জন্য NYC.gov/readyny দেখুন

**Chinese**
請撥打311或訪問NYC.gov/readyny，獲得本指南的中文版本。

**English**
Call 311 or visit NYC.gov/readyny for copies of this guide in English.

**French**
Visitez NYC.gov/readyny pour obtenir des exemplaires de ce guide en français.

**Haitian Creole**
Ale nan sitwèb NYC.gov/readyny pou jwenn kopi gid sa a nan lang Kreyòl Ayisyen.

**Italian**
Visita il sito NYC.gov/readyny per ricevere una copia di questa guida in italiano.

**Korean**
한국어로 된 안내서 사본은 NYC.gov/readyny를 방문하십시오.

**Polish**
Kopia w języku polskim jest opublikowana pod adresem NYC.gov/readyny.

**Russian**
Позвоните по номеру 311 или посетите сайт NYC.gov/readyny, чтобы получить эту брошюру на русском языке.

**Spanish**
Llame al 311 o visite NYC.gov/readyny para obtener acceso a este folleto en español.

**Urdu**
اس رہنما پرچے کی کاپی اردو زبان میں حاصل کرنے کے لیے NYC.gov/readyny ملاحظہ کریں۔

**Yiddish**
באזוכט NYC.gov/readyny פאר קאפיס פון דעם פאפיר אין אידיש.

2015 Edition - Yiddish